6 אומקומען. די דאָזיקע האָבן די מאַכט צו פֿאַר־
שליסן דעם הימל, כּדי עס זאָל נישט פֿאַלן
קיין רעגן אין די טעג פֿון זייער נבֿואה; און האָבן
מאַכט איבער די וואַסערן, צו פֿאַרוואַנדלען זיי
צו בלוט, און צו שלאָגן די ערד מיט יעדער
7 פּלאָג, ווי אָפֿט זיי ווילן נאָר. און ווען זיי
וועלן פֿאַרענדיקן זייער עדות זאָגן, וועט די חיה,
וואָס קומט אַרויף אויס דעם תּהום, מלחמה האַלטן
8 מיט זיי, און זיי מנצח זיין, און זיי טייטן. און זייערע
לייבער וועלן ליגן אויף דער גאַס פֿון דער גרויסער
שטאָט, וואָס, רוחניותדיק גערעדט, הייסט סדום און
מצרים, וואו אויך זייער האַר איז געקרייציקט
9 געוואָרן. און (לייט) פֿון פֿעלקער און שבֿטים און
לשונות און אומות קוקן אויף זייערע גופֿים דריי
מיט אַ האַלבן טאָג לאַנג, און דערלאָזן נישט, אַז
מען זאָל לייגן זייערע גופֿים אין אַ קבֿר אַריין.
10 און די איינוואוינער אויף דער ערד פֿרייען זיך
איבער זיי, און זענען זיך משמח; און וועלן זיך
שיקן מתּנות איינער דעם אַנדערן; ווייל די דאָזיקע
צוויי נבֿיאים האָבן געפּייניקט די איינוואוינער
11 אויף דער ערד. און נאָך דריי און אַ האַלבן טאָג
איז אַריינגעגאַנגען אין זיי אַ גייסט פֿון לעבן פֿון
גאָט, און זיי האָבן זיך געשטעלט אויף זייערע פֿיס;
און אַ גרויסע מורא איז געפֿאַלן אויף די, וואָס
12 האָבן זיי געזען. און האָבן געהערט אַ הויך קול
פֿון הימל זאָגן צו זיי: קומט אַרויף אַהער! און
זיי זענען אַרויפֿגעגאַנגען אין הימל אַריין אין
אַ וואָלקן; און זייערע שונאים האָבן זיי געזען.
13 און אין יענער שעה איז געוואָרן אַ גרויסע ערד־
ציטערניש, און אַ צענטל פֿון דער שטאָט איז
איינגעפֿאַלן; און אין דער ערדציטערניש זענען